# שִׂיחוֹת הָרֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

## פרשת עקב שנת תש"פ לפ"ק

ארויסגעגעבן דורך
"קרן הדפסה היכל הקודש"

צו באקומען די און אנדערע ספרים און קונטריסים:

היכל הקודש קרית ברסלב ליבערטי
Heichal Hakodesh
Kiryas Breslev
181 Huschke Road
Liberty NY 12747

היכל הקודש וויליאמסבורג
Heichal Hakodesh
Williamsburg
27 Skillman Street
Brooklyn NY 11205
1-718-384-1652

היכל הקודש קרית יואל
Heichal Hakodesh
Kiryas Joel
8 Hayes Ct.
Monroe NY 10950
1-845-467-5299

היכל הקודש קרית יואל
Heichal Hakodesh
Kiryas Joel
8 Premishlan Way.
Monroe NY 10950
1-845-243-0563

היכל הקודש בארא פארק
Heichal Hakodesh
Boro Park
1011 41 Street
Brooklyn NY 11219
1-718-384-1652

היכל הקודש מאנסי
Heichal Hakodesh
Monsey
32 Dolson Road
Monsey NY 10952
1-347-733-7551

Visit Our Web Site:
www.BreslevCenter.com

צו הערן די הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א רופט:

**קול ברסלב**
**212-444-9191**

**חיזוק פאר די אידישע שטוב**
**212-444-9169**

## חיזוק יומי

**צו באקומען די חיזוק יומי**

**אימעיל**
chizikyomi@gmail.com

**טעלעפאון מעסידזשינג**
347-630-2876

## שיחות וסיפורים

ל) די וואך וואס מען האט זיך געזאלט צום ערשטן מאל באנוצן מיט'ן עירוב אין שטעטל, איז דער ראש ישיבה שליט"א געגאנגען ארום דעם גאנצן שטעטל צו בודק זיין דעם עירוב, בתוך הדברים האט זיך דער ראש ישיבה שליט"א אנגערופן: "א שאד, איך האב געוואלט האבן א פיזישע חלק אין בויען דעם עירוב". אפאר מינוט דערויף האט מען באמערקט איין חלק ווי מען האט געדארפט בויען א צוים אפאר פיס לאנג און מען האט דאס נאכנישט געמאכט, האט דער ראש ישיבה שליט"א געזאגט: "אפשר ברענגסטו יעצט א צוים און איך וועל דאס אינסטאלירן", מען האט גלייך געברענגט די מאטעריאל, און דער ראש ישיבה שליט"א האט זיך גענומען צו דער ארבעט און אליין אויפגעבויט דעם צוים און דער ראש ישיבה שליט"א האט זיך זייער געפרייט ער האט געקענט האבן א חלק אין אויפבויען דעם עירוב.

לא) דער ראש ישיבה שליט"א האט געזאגט אויף א געוויסן עושר: "אמאל האב איך מורא'דיג ארויפגעקוקט אז ער פארטיילט ריזיגע סכומים פאר הכנסת כלה, יעדער חתן וואס קומט צו אים גייט ארויס מיט א שיינע סכום, היינט וואלט איך אים געזאגט, 'פארוואס פארשווענדסטו דיין געלט א כלה זאל האבן שענערע בלומען ביי איר חתונה?', א מענטש האט געלט זאל ער דאס געבן צו בויען מוסדות התורה, נאר דאס בלייבט".

לב) דער ראש ישיבה שליט"א האט געזאגט אויף דעם בריוו (עצתו אמונה ואתחנן תש"פ) 'וְוִיפִיל דַארְף אִיךְ הָאבְּן מִיט מַיינֶע עֶלְטֶערְן נָאךְ דִי חֲתוּנָה': "דאס איז די שענסטע בריוו פונעם גאנצן קונטרס".

דער ראש ישיבה שליט"א האט אויך געזאגט: "דער שאלה האט מיר זייער אויפגערעגט, איך האב געטראכט 'אדער ענטפער איך אים איין שורה, אדער ענטפער איך אים צוואנציג בלעטער'..."

לג) פרייטאג צונאכטס פרשת ואתחנן נאכ'ן דאווענען האט דער ראש ישיבה שליט"א געזאגט: "דער רבי זאגט[א] מען דארף זוכן א מוהל א צדיק און א ירא שמים, האב איך געפרעגט מוהרא"ש זכר צדיק לברכה 'וויאזוי ווייסט מען ווער איז א מוהל א ירא שמים', האט מוהרא"ש געענטפערט: "איינער וואס איז מער מומחה דער איז מער ירא שמים, מער מומחה - מער צדיק".

דער ראש ישיבה שליט"א האט דערנאך געזאגט: "איינער פון די תלמידים האבן זיך אנגעהויבן לערנען מוהלות, האב איך אים געזאגט 'איך שיק נישט מיינע תלמידים צו דיר דו זאלסט זיך לערנען אויף זייערע קינדער, ווען דו וועסט האלטן נאכ'ן מל'ן הונדערטער קינדער וועל איך שיקן צו דיר'; ביי מוהרא"ש איז געווען איינער א מוהל, וואס האט זיך געבעטן ביי די תלמידים פון מוהרא"ש מען זאל אים נעמען פאר א מוהל, ווען מען האט געפרעגט מוהרא"ש צי מען זאל אים נעמען האט מוהרא"ש געענטפערט: "ער זאל זיך לערנען אויף אנדערע, נישט אויף דיין זון".

לד) איינער פון די תלמידים פון ראש ישיבה שליט"א וואס איז עוסק אין ארויס געבן די וועכנטליכע קונטרס 'עצתו אמונה', האט זיך צוגעגרייט צו די ברית מילה פון זיין נייע געבוירן קינד וואס וועט פארקומען שבת קודש, האט דער ראש ישיבה שליט"א אים געהאלפן מסדר זיין די כיבודים ביים ברית, און געזאגט: פאר דעם זיידע זאלסטו געבן 'קוואטער' און פאר דעם זיידע זאלסטו געבן 'סנדקאות' אן פאר דעם זיידע זאלסטו געבן די 'ברכות' וכו', און דער ראש ישיבה שליט"א האט געענדיגט: "און פאר מיר זאלסטו געבן 'עצתו אמונה'"...; שבת

[א] (ספר המידות, אות מוהל, סימן א'): צָרִיךְ לַחֲזֹר אַחַר מוֹהֵל צַדִּיק וִירֵא שָׁמַיִם, כִּי כְּשֶׁהַמּוֹהֵל אֵינוֹ טוֹב, יָכוֹל לִהְיוֹת שֶׁלֹּא יִהְיֶה מוֹלִיד, חַס וְשָׁלוֹם, הַנִּמּוֹל עַל יָדוֹ. גַּם עַל יְדֵי שֶׁהַמּוֹהֵל אֵינוֹ טוֹב, עַל יְדֵי זֶה בָּא הַתִּינוֹק, חַס וְשָׁלוֹם, לִידֵי חֳלִי נוֹפֵל.

צופרי בעפאר די ברית האט דער ראש ישיבה שליט"א נאך אמאל געזאגט צו דעם אינגערמאן, דער אבי הבן: "למעשה וואס וועסטו מיר געבן? מיר וועסטו געבן 'עצתו אמונה'!"...

להּ) מען האט געפרעגט פונעם ראש ישיבה שליט"א ערב תשעה באב אויב מען מעג עוסק זיין אין מסדר זיין און דריקן די עצתו אמונה בעצם יום תשעה באב, האט דער ראש ישיבה שליט"א געענטפערט: "געב ארויס די קונטרס וואס שנעלער דאס מאכט אויפבויען די בית המקדש".

אויך האט דער ראש ישיבה שליט"א געזאגט פאר די וואס דרוקן די וועכנטליכע 'עצתו אמונה': "איך וויל נישט מען זאל דאס דרוקן פרייטאג, איך וויל אריינברענגען אין די אינגעלייט 'פרייטאג ארבעט מען נישט', פרייטאג איז א טאג וואס מען זיצט אינדערהיים און מען ווארט אפ דעם שבת".

לו) א אינגערמאן וואס ארבעט אסאך פאר'ן שטעטל האט געפרעגט פונעם ראש ישיבה שליט"א צי ער זאל אויפגעבן וואטס עפפ, האט דער ראש ישיבה שליט"א געזאגט: "וואס דארפסטו דאס האבן, סתם צו פארשווארצט ווערן"? האט יענער געזאגט עס קומט אים צוניץ צו העלפן די שטעטל, האט דער ראש ישיבה שליט"א געפרעגט: "אויב וועסטו דארפן אראפנעמען א האלבן בארד צו העלפן דעם שטעטל וועסטו דאס אויך טון"?...

לז) א אינגערמאן האט גערעדט מיט'ן ראש ישיבה איבער עפּעס מוסדות אין ארץ ישראל און געזאגט ער איז גרייט צו נעמען אלע קאסטן אויף זיך, ער איז גרייט צו ברענגען געלט דאס זאל צושטאנד קומען, האט אים דער ראש ישיבה שליט"א געענטפערט: "וויפיל מאל האב איך דיר שוין געזאגט, א מוסד עפנט מען נישט מיט געלט".

דערנאך האט דער ראש ישיבה שליט"א געזאגט: "איך האב שוין אפאר מאל געוואלט עפענען מוסדות אין ארץ ישראל, עס איז אבער נישט דא מיט וועם צו גיין צום טיש, אלע תלמידים פון ישיבה וואס האבן חתונה אויף ארץ ישראל ווילן נאר צוריקקומען וואוינען אין אמעריקע 'נעבן דעם ראש ישיבה'"; האט איינער געפרעגט אויף עטליכע אינגעלייט תלמידי הישיבה פון ארץ ישראל, "זענען זיי בכלל פאסיג צו זיין מלמדים, זענען זיי בכלל געאייגנט פאר דעם"? האט דער ראש ישיבה שליט"א געזאגט: "יעדער בחור וואס האט געלערנט אין די ישיבה און ארייגענומען די דרשות אין זיך קען זיין א מלמד".

דער ראש ישיבה שליט"א האט געזאגט: "אפאר יאר צוריק האבן עטליכע תלמידים פון ארץ ישראל געוואלט עפענען מוסדות היכל הקודש, איך האב זיי אפגעהאלטן דערפון; צום ערשט דארף מען עפענען א בית המדרש א שטיק צייט און זען אויב מען האט מתפללים קבועים צי עס איז בכלל דא פאר וועם צו עפענען א מוסד, ווייל איינמאל מען הייבט אן, איז נישט דא קיין וועג צוריק, מען מוז ווייטער אנגיין".

דער ראש ישיבה שליט"א האט ווייטער געזאגט: "די מלמדים כאפן נישט, אין די פריערדיגע מוסד וואו זיי זענען געווען איינגעשטעלט און זיי זענען געווען די איינציגסטע מלמדים וואס האבן נישט געשלאגן, נאר געשמייכלט און געגעבן א גוט ווארט פאר יעדן קינד, זענען אלע קינדער דארט געווען פארקויפט פאר זיי, אזוי אויך יעצט ווען דער מוסד איז פריש, די קינדער וואס זענען אריבערגעקומען פון אנדערע מוסדות געדענקען נאך זייער גוט וואס מען האט געטון צו זיי אין די אלטע מוסד - איז נאך גרינג זיך אומצוגיין מיט זיי, זיי האבן ליב די מלמדים וואס שלאגן נישט אנדערש ווי די מלמדים צו וועם זיי זענען געווען צוגעוואוינט, אבער ווען עס וועט דורך גיין אפאר יאר און עס וועלן אריינקומען נייע קינדער וואס האבן קיינמאל נישט טועם געווען די טעם פון שלאגן און פראסקענען, נאר הייבן אן זייער גיין אין חדר מיט א ברסלב'ער מלמד וועט זיין זייער שווער צו קאנטראלירן די קינדער בלויז מיט'ן רעדן, ווייל מען דארף ארבעטן זייער שווער צו האלטן קינדער אין די ראמען בלויז מיט'ן מויל, דארף מען קענען ממשיך זיין עד הסוף."

דער ראש ישיבה שליט"א האט מסביר געווען בטוב טעם ודעת אז קינדער מוזן האבן דיסציפלין וואס זאל זיי האלטן אין די ראמען, אדער ערדרייכט מען דאס דורכן נוצן הענט, מען פראסקעט און פאטשט, דער וועג וואס די וועלט נוצט, אדער מיט'ן רבינ'ס וועג פון רעדן מיט'ן מויל, אבער דעם רבינ'ס וועג איז זייער שווער, ווייל מ'דארף זיין זייער שטרענג און ערדרייכן די זעלבע דיסציפלין און אטאריטעט ביי די קינדער וואס פעטש טוט - בלויז מיט'ן מויל און צו דעם דארף מען האבן אסאך כח, סיי עלטערן און בפרט מלמדים.

לח) דער ראש ישיבה שליט"א האט געזאגט פאר די תלמידים וואס בויען זיך הייזער: "ענדערש בוי ביליג און לעב פאר דיר ווי איידער אריינלייגן אסאך געלט אינעם הויז, און דארפן נעמען א טענענט צו קענען צאלן די חודש'ליכע צאלונגען; האסט געלט? לעב פאר דיר".

לט) ווען מען האט פארגעלערנט רמב"ם די הלכות פון ספר תורה וואס אן אפיקורס האט געשריבן האט דער ראש ישיבה שליט"א געזאגט: "עס איז דא א סופר אין בארא פארק - אן אפיקורס (דער ראש ישיבה האט געזאגט די נאמען פונעם סופר), אלע וואס נעמען ביי אים תפילין פאלן רחמנא ליצלן אוועק פון אידישקייט, ער גייט מיט די גאנצע חסידיש'ע לבוש, א ברייטע הוט מיט שיינע פיאות וכו'.